# אונזער
# קינדער גארטן

**מהנעשה ונשמע**

## בכיתת גן בתלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר קרית יואל בני ברק

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זי"ע - בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

**כיתת המלמדים הר"ר דוד בן ציון וויינבערגער הי"ו והר"ר יואל ברד"מ ווייס הי"ו**

בעזהשי"ת | **פרייטאג פרשת ויגש, תשע"ב** | אכטע אויסגאבע

⇐ זונטאג אינדערפרי איז פארגעקומען א מסיבת חנוכה פאר די קינדער די צעירי צאן קדשים אין קינדער גארטן - **אויספירליכער באריכט ליינט אויף די אנדערע זייט.**

⇐ מיטוואך אינדערפרי האבן זיך די קינדער מצטרף געווען צו די מסיבה פון די עלטערע מענטשן אין ביהמ"ד עטרת זקנים - **ליינט אויספירליכער באריכט אויף די אנדערע זייט.**

⇐ מיטוואך נאכמיטאג האט מען געמאכט א פייער אין חדר, וואו די קינדער האבן אריין געווארפן די קנויטן פון חנוכה אין פייער, די קינדער האבן געזעהן ווי אזוי דער מנהל הרב יקותיאל יצחק בראך שליט"א צינדט אן די פייער, און נאכדעם האט מען געזינגען ניגונים פון חנוכה, און די קינדער האבן זייער הנאה געהאט.



דער **"שבת טאטע"**
די וואך איז געווען
**יחיאל**
**פייערווערגער** נ"י

## נושא השבוע

צוליב חנוכה האבן מיר נישט
געלערנט די וואך פון די
נושא השבוע

**די קומענדיגע וואך**
**וועלן מיר לערנען אי"ה**
**פון די ענין פון**
**רעבט'ס און לינקס**



## ברכת מזל טוב

פאר תלמידינו היקר שיחי'
**יצחק גליק** נ"י
**בן הר"ר אברהם הי"ו**

צו זיין האלאקע

יה"ר די עלטערן זאלן זעהן פון אים
אסאך תענוג ונחת



## ברכת מזל טוב

פאר תלמידינו היקר שיחי'
**שמואל יהודה וואלנער** נ"י
**בן הר"ר יוסף מאיר הי"ו**

צו זיין האלאקע

יה"ר די עלטערן זאלן זעהן פון אים
אסאך תענוג ונחת

## עשרה בטבת

**די קומענדיגע וואך**
**דאנערשטאג עשרה בטבת**
**ענדיגט מען 12:00 אזייגער**

**און נאכמיטאג וועט נישט**
**זיין קיין חדר**

**די וואך האבן מיר געלערנט**
# נאר אביסל
**פון די פרשה**

**ווייל ס'איז געווען אסאך**
**מסיבות די וואך**

## ברכת מזל טוב

פאר תלמידינו היקר שיחי'
**אברהם נתן וויינבערגער** נ"י
**בן הר"ר יואל הי"ו**

צו די געבורט פון
זיין נייע ברודער

# שיינע מסיבות לכבוד חנוכה פארגעקומען אין קינדער גארטן

די קינדער האבן זייער הנאה געהאט פון די מסיבה פון חנוכה וואס איז פארגעקומען די וואך זונטאג אינדערפרי אין קינדער גארטן.

ביי די מסיבה האבן די קינדער שיין געזינגען די לידער פון חנוכה, און הויעך געמאכט א ברכה אויף די נאש וואס עס איז פארטיילט געווארן פאר זיי.

אויך האט דער מנהל הרב חיים אורי ראזענבערג שליט"א באשיינט ביי די מסיבה, און ער האט זייער הנאה געהאט צו זעהן ווי אזוי די יונגלעך זענען אזוי צופרידן ביי די מסיבה.

די קינדער זענען געווען צופרידן ווייל זיי וייסן אז יו"ט חנוכה ברענגט צו מ'זאל זיין צופרידן, ווייל אונז גייען יא אין חדר און נישט אזוי ווי אנטיוכוס הרשע האט געוואלט.

א יישר כח פאר די עלטערן וואס האבן געשיקט די נאש אויף די מסיבה.

זאת חנוכה איז פארגעקומען נאך א מסיבה פאר די קינדער אין בית המדרש עטרת זקנים, ווי די קינדער האבן זיך באטייליגט ביי די מסיבה צוזאמען מיט עלטערע מענטשן פון כולל עטרת זקנים.

עס איז פארטיילט געווארן פאר די קינדער לאטקעס, און זיי זענען געטאנצן דארטן און מ'האט געזינגען מיט מוזיק ניגונים פון חנוכה.

עס איז געווען זייער א רירנדע מעמד, און די עלטערע אידן האבן פשוט געוויינט פון גרויס התרגשות צוקוקנדיג די צעירי צאן קדשים וואס ליגט אויף זייער פנים א ספעציעלן חן וכל רואיהם יכירום כי זרע ברך ה' המה.

